האט מען נים קיין געדולד צו אויסהערן, און אפילו אז מ'הערט יע - דערהערט[25] מען נים, ועכ"פ אפילו אויב זיי דערהערן - א קאלטקייט, "אשר קרך"[26], מאכט דאס זיכער.

ח. יאט וואס מ'זאגט דא מבצעים, מיינט מען נים דוקא מבצעים - עס זיינען דא כמה ענינים צו וועלכע עס איז צוגעפאסט דער לימוד פון הנהגת נשיא דורנו הנ"ל, ס'איז מערניט וואס מבצעים איז אן ענין שהזמן גרמא, ווארום מ'וויל דאך אז די טעג זאלן נהפך ווערן, אז "צום הרביעי גו' יהי' גו' לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[27], אז שבעה עשר בתמוז זאל זיין "מועדים טובים", א גרויסער יו"ט[28], וואס דאס ווערט דורך "מעשינו ועבודתנו"[29] איצטער בזמן הגלות - דערפאר האט מען אנגעכאפט מבצעים,

אבער כאמור, עס זיינען דא כמה ענינים, וואס ידע איניש בנפשי' - אין וועלכע ער דארף אפלערנען און נוצן דעם לימוד הנ"ל פון הנהגת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

ט. און דורך דעם וואס מ'איז מחליט אין דעם - ווערט דער חודש - דער חודש של גאולה, נים נאר פון די גאולה פון י"ב-י"ג תמוז, נאר אויך די גאו"ה פון שבעה עשר בתמוז, ווארום ימים אלו וועלן נהפך ווערן "לששון ולשמחה ולמועדים טובים",

בביאה משיח צדקנו, וואס יבא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן.

* * *

י. אין האמור לעיל קומט צו, ע"פ דעם פסוק אין תהלים, קאפיטל פ'[30], וואס מ'האט פריער דערמאנט און געזונגען - "רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף יושב הכרובים הופיעה".

וואס אין דעם פסוק דארף מען פארשטיין, און מ'דארף דאס פארשטיין אפילו בשעה מ'לערנט דאס בפשטות, און ווי עס שטעלן זיך אויף דעם פשטנים, אנהויבנדיק פון ראש הפשטנים, רש"י: פארוואס ווערט דא כלל ישראל אנגערופן בשם "יוסף" (ובפרט אז פריער אין פסוק ווערן זיי אנגערופן "ישראל")?

און מ'איז מסביר, אז דאס איז, "לפי שהוא פרנסם וכלכלם בימי הרעב"[31].

- וואס -

---

25) ראה בארוכה שיחת י"ב תמוז תש"ח (סה"מ תש"ח ע' 252 ואילך). 26) תצא כה, יח. וראה תנחומא שם ט (הובא בפרש"י עה"פ). סה"מ הרע"ח ע' 132. תרפ"ז ע' קל ואילך. ובכ"מ. 27) זכרי' ח, יט. 28) ראה תוספתא תענית בסופו. רמב"ם הל' תעניות בסופו. לקו"ש חט"ו ע' 412 ואילך. 29) תניא רפל"ז 30) ב. 31) רש"י עה"פ שם. וראה גם מצו"ד.



הנחה הת' בלתי מוגה

וואס דאס הייסט, אז הגם אז עס זיינען לכאורה דורכגעגאנגען ככה וככה דורות פון דעם זמן ווען יוסף "פרנסס וכלכלם בימי הרעב" ביז דעם זמן ווען מען האט געזאגט דעם מזמור, ועד"ז זיינען דורכגעגאנגען ככה וככה דורות פון דעם זמן וואס מ'האט געזאגט דעם מזמור דעם ערשטן מאל ביז די אלע זמנים אין וועלכע אידן זאגן מזמורי תהלים, דעם מזמור בהוך מזמורי דוד המלך "נעים זמירות ישראל"[32] -

אעפ"כ ווערן אידן אויך דעמולט אנגערופן בשם יוסף; בכל הדורות ווערן אידן אנגערופן מיטן נאמען "יוסף".

יא. דער קשר פון המדובר כאן מיט כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל הגאולה - איז פארשטאנדיק בגלוי, וואס נוסף אויף דעם וואס שמו הראשון אשר יקראו לו איז "יוסף" - האט ער זיך דאך פארנומען מיט "פרנסס וכלכלם בימי הרעב", וואס ער האט מפרנס געווען "האנשים והנשים והטף" ביז אויך - "גרך אשר בשעריך"[33],

און סיי פרנס וכלכל ברעב ברוחניות, צו דעם וואס איז "רעב גו' לשמוע את דברי ה'"[34], און סיי - א זאך וואס איז ניט אזוי מפורסם - פרנס וכלכל ברעב בגשמיות, ער האט צוגעשטעלט מקודות אויף פרנסה בגשמיות פאר אזעלכע וואס האבן זיך געניטיקט אין דעם,

[כמובן כשר'ע מקודות פון פרנסה, וואס דוקא דעמולט האט מען א "גוף בריא" (כלשון הרמב"ם)[35]].

וואס דאס איז דער קשר פון המדובר כאן וועגן דעם וואס אידן ווערן אנגערופן מיט דעם שם יוסף מיט כ"ק מו"אדמו"ר בעל הגאולה - המדובר כאן בנוגע צו (דעם וואס אידן ווערן אנגערופן בשם) יוסף באציט זיך אויך צו אים.

יב. בשעת מ'זאגט אין דעם פסוק הנ"ל אז אידן ווערן אנגערופן בשם "יוסף" - ווייזט דאס אויף א ספעציעלע מעלה וואס איז דא ביי אידן,

און ווי מ'זעט דערפון וואס פריער שטייט אין פסוק "רועה <u>ישראל</u> האזינה", וואס אויך ישראל איז א שם המעלה, ווי עס שטייט "לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל"[36] און דערנאך שטייט "נוהג כצאן <u>יוסף</u>" -

- וואס -

---

32) ש"ב כג, א. וראה ב"ב יד, סע"ב. שהש"ר פ"ד, ד (בתחלתו). 33) וילך לא, יב. 34) עמוס ח, יא. 35) הל' דעות דפ"ד. 36) וישלח לב, כט. וראה מאו"א בערך יעקב וישראל וש"נ. (ביאור נתיב). זח"א קעג, סע"ב. או"ת להה"מ ס"פ בלק. לקו"ת בלק ע, ב ואילך. ובכ"מ.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דער שם יוסף איז נאך נעלה יותר ווי דער שם ישראל, ס'איז מן הקל אל הכבד,

וכמובן אויך דערפון וואס דא בעט מען א בקשה בא דעם אויבערשטן, מ'בעט ביי אים אז עס זאל זיין "האזינה" און "הופיעה" - וואס ס'איז דאך פארשטאנדיק, אז פריער בעט מען און מ'טענה'ט מיט א גרינגע טענה און דערנאך בעט מען און מ'טענה'ט מיט א שטארקע טענה: "רועה ישראל (און דערפאר זאל זיין) - האזינה", און דערנאך, טאמער דא: העלפט ניט, האט מען נאך א גרעסערע טענה: "נוהג כצאן יוסף (און דערפאר זאל זיין) - הופיעה" אז דערפאר וואס דאס איז פארבונדן מיט "יוסף" וואס ער איז נאך העכער פון "ישראל" - דערפאר זאל זיין אויך נאכמער "האזינה" און "הופיעה",

וואס אויך דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת מ'זאגט אז אידן ווערן אנגערופן בשם "יוסף" - ווייזט אויף א ספעציעלע מעלה, וואס איז דא ביי אידן, נאך העכער ווי די מעלה ע"ש וועלכער זיי ווערן אנגערופן בשם "ישראל".

יג. עס איז פארשטאנדיק, אז דער פשט דערפון וואס אידן ווערן אנגערופן "יוסף" - איז ניט נאר אז יוסף האט געהאט (פרנס וכלכל בימי הרעב) און דערפאר ווערן אויך זיי אנגערופן "יוסף", א געוויסע מעלה, און אידן ווערן אנגערופן על שמו דערפאר וואס זיי האבן פון אים באקומען פרנסה בימי הרעב,

און ווי פארשטאנדיק דערפון וואס אידן בעטן אין דעם פסוק "רועה ישראל וגו'": אידן בעטן דאך דא א בקשה, אז עס זאל זיין "האזינה" און "הופיעה", און דאס בעטן זיי דערפאר וואס דאס איז "רועה ישראל" און "נוהג כצאן יוסף", איז אויב אידן אליין וואלטן ניט געהאט די מעלה פון יוסף - וואס שטעלן זיי אריין אין זייער בקשה "נוהג כצאן יוסף", אז דערפאר זאל צו זיי זיין "האזינה", און צו זיי זיין "הופיעה"?

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז מעלת יוסף וואס "פרנסס וכלכלם בימי הרעב" איז דא בא אידן.

דער ביאור אין דעם:

בשעת יוסף האט זיי מפרנס ומכלכל געווען - האט ער זיי אויך איבערגעגעבן זיינע תכונות, ווארום וויבאלד אז גשמיות גייט צוזאמען מיט רוחניות, איז בשעה ער האט זיי מפרנס ומכלכל געווען מיט גשמיות האט ער זיי אויך מפרנס ומכלכל געווען מיט רוחניות, ער האט זיי איבערגעגעבן

- זיינע -

זיינע תכונות,

וואס דערפאר איז אויך דא ביי אידן בכל הדורות די תכונות פון יוסף, דערפאר וואס בא זיי זיינען דא די תכונות פון יוסף דער עניין פון מפרנס און מכלכל זיין בימי הרעב - ווערן זיי אנגערופן בכל הדורות בשם "יוסף".

יד. והביאור בכל זה:

עס זיינען דא צוויי כללות׳דיקע דרכים אין עבודה: די עבודה פון אלע אידן, שאר השבטים, און די עבודה פון יוסף,

וואס די עבודה פון שאר השבטים איז א נידעריקערע עבודה ווי די עבודה פון יוסף, וכמובן דערפון וואס "תסובנה אלומותיכם ותשתחוין לאלומתי"[37] און "ואחד עשר כוכבים משתחוים לי"[38], די השתחוויות פון די שבטים צו יוסף׳ן, וואס דער עניין פון השתחוויתם איז כמובן ניט נאר געווען דערפאר וואס שפעטער וועלן זיי בלית ברירה דארפן אנקומען צו יוסף אז ער זאל זיי געבן עסן - נאר מצד מעלתם פון יוסף און די שבטים, וואס מעלתו פון יוסף איז געווען למעלה ממעלתם (און דערפאר האט ער זיי מפרנס געווען),

ובפרט ע"פ המבואר אין חסידות[39], אז ענינם פון די שבטים איז בירור ראשון און ענינו פון יוסף איז בירור שני.

און דא זאגט מען דעם אויפטו, אז אידן ווערן אנגערופן בשם יוסף, דערפאר וואס זיי האבן אויך די מעלה פון יוסף - אז דורך דעם וואס "פרנסם וכלכלם בימי הרעב", האבן אידן באקומען אויך די דרגת העבודה פון יוסף.

טו. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים א חילוק צווישן די שבטים און יוסף וואס מ׳זעט בפשטות[40]:

די שבטים זיינען געווען רועי צאן, זיי האבן געוואלט דינען דעם אויבערשטן ניט געשטערטערהייט, אן בלבולים, ניט געשטערט פון "המונה של עיר", פון דער הומל טומל פון

- עובד -

---

37) וישב לז, ז. 38) שם ט. 39) תו"א וישב כז, ב ואילך. תו"ח וישב סג, ג ואילך. אוה"ת בראשית כרך ב ע׳ ער- ואילך. כרך ו ע׳ תתרפב ואילך. ועוד. 40) בהבא לקמן - ראה אוה"ת בראשית ע׳ תתשב ואילך. דרמ"צ פא, א. ד"ה ומקנה רב תרכ"ט (סה"מ תרכ"ט ע׳ רנח ואילך). סד"ה ומקנה רב תרס"ו (המשך תרס"ו ע׳ שטו). ד"ה ולא זכר שר המשקים עזר"ת (סה"מ עזר"ת ע׳ קב ואילך). ד"ה ולא זכר שר המשקים תפר"ח (סה"מ תפר"ח ע׳ כב ואילך). לקו"ש ח"ג ע׳ 828. ועוד.



הנחת הת׳ בלתי מוגה

שטאס, בכדי צו גיין ניט נאר פון "המונה של דומי"[41] נאר אויך פון "המונה של עיר", און זיי זיינען געגאנגען אין עובד זיין עבודתם בהתבודדות, דורך דעם וואס זיי זיינען געווען רועי צאן,

ווען ס'איז ניט דער פשט אז בההבודדוה דארף דער רועה צאן יע זיין טרוד, - ער דארף נאר ברענגען די צאן אין א מקום המתאים, "על מי מנוחות ינהלני"[42], דארטן וואו עס זיינען דא עשבים המתאימים, פאר די תיישים - עשבים המתאימים להם, פאר די בינונים - עשבים המתאימים להם, און פאר די רכים - עשבים המתאימים להם[43] - און דערנאך פיטערן זיי זיך שוין אליין, און במחשבתו ובדיבורו קען דער רועה טאן וואס ער וויל, ווי דאס איז בפשטות.

וואס דאס איז געווען די הנהגה פון שאר השבטים: די עבודה פון יוסף איז אבער געווען אן אנדערע:

ער איז געווען דער משנה למלך, און ובלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו, ד.ה. אז הנהלת כל העניינים איז געווען דורך אים - ווארום אויב ניט דורך אים איז "לא ירים איש את ידו ואת רגלו"[44] ואין ענין יוצא מידי פשוטו, און עס דארף דאך זיין "נשאה ונתת באמונה"[45], איז בשעת יוסף האט געדארפט דאס טאן - האט ער דאס זיכער געטאן כדבעי,

און נאכמער: ס'איז מבואר אין מדרשים[46] אז פרעה איז רעמולט געווען א מושל בכיפה - איז דאך פארשטאנדיק אז יוסף'ס הנהגה איז געווען נוגע צו כל העולם כולו,

אבער אעפ"כ שטייט "אלה תולדות יעקב יוסף"[47] - אז דוקא יוסף איז געווען "תולדות יעקב" ער איז געווען נאך העכער ווי שאר השבטים וואס זיינען געווען רועי צאן,

ולכאורה ווי אזוי זאגט מען דאס אז יוסף איז געווען נאך העכער ווי די שבטים בשעת זיי האבן געדינט דעם אויבערשטן בהתבודדות און ער איז געווען פארנומען "בהמונה של עיר"?

וועט מען דאס פארשטיין ע"פ דעם וואס מ'געפינט אז נאכדעם וואס "וירא את העגלות אשר שלח יוסף"[48] איז "ותחי רוח יעקב.. ויאמר ישראל רב עוד יוסף בני חי"[49]:

לכאורה קען מען פרעגן: יעקב האט דאך אויך פארדעס

- געוואוסט -

------------

41) לשון הגמרא - סוף מכות. 42) תהלים קכג, ב.
43) ראה שמו"ר פ"ב, ב. 44) מקץ מא, מד. 45) שבת לא, סע"א.
46) מכילתא עה"פ בשלח יד, ה. זח"ב ו, א. וראה לקו"ש ח"ב ע' 162 בהערה. 47) וישב לז, ב. 48) ויגש מה, כז. 49) שם, כח.



הנחת הת' בלתי מוגה

געוואוסט אז יוסף איז חי, מ'האט אים דאך דאס שוין דערציילט - איז וואס איז דוקא איצטער ("ותחי רוח יעקב אביהם", און) דוקא איצטער זאגט ער אז "עוד יוסף בני חי"?

איז דער ביאור אין דעם, אז דער דיוק אין דעם איז - "יוסף בני חי", (בשעת ער האט דערזען די עגלות) האט יעקב געזען אז יוסף איז "חי" אלס "בני", ווי א בן פון יעקב: און דערפאר איז דוקא איצטער "ותחי רוח יעקב.. ויאמר עוד יוסף בני חי":

פריער איז געווען "אלה תולדות יעקב יוסף", אויך איז יוסף געווען "בן זקונים הוא לו"[50], ווי רז"ל טייטשן אפ "כל הלכות שמסרו שם ואבר ליעקב מסרו לו"[51],

דערנאך איז אבער יוסף אוועק, און דערנאך "ויתנהו אל בית הסוהר"[52] אין א בור[53] - אין א בור גופא, אין מצרים "ערות הארץ"[54], ער איז געווען אין א בור שבבור, און דארטן איז ער געווען צוועלף יאר[55],

[מאמר המוסגר - ע"ד ווי רשב"י, וואס אויך ער איז געווען צוועלף יאר פארשפארט אין די מערה (דערנאך מצר א סבה אחרת איז צוגעקומען נאך א יאר) וכמסופר בארוכה אין מס' שבת[56]],

און דערנאך איז יוסף געווען א משנה למלך[57] ביי אוה"ע, און אזוי איז ער געווען במשך שבע שנות השבע און דערנאך בשעת די שני הרעב -

איז בשעת יעקב האט געזען אז לאחר כל זה איז "יוסף בני חי", יוסף איז נאך אלץ חי ווי "בני", בנו של יעקב - איז אט-דאס האט גע'פועל'ט אז "ותחי רוח יעקב אביהם", און ער האט געזאגט "עוד יוסף בני חי":

טז. וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק אז יוסף'ס עבודה איז געווען א העכערע עבודה ווי עבודת השבטים,

ווי אזוי האט יוסף טאקע געהאט כח, אז זייענדיק "בהמונה של עיר" זאל ער זיך האלטן ווי בנו של יעקב - איז דער ביאור אין דעם:

יוסף' עבודה איז געווען א העכערע עבודה, אזא עבודה

- וואס -

------------

50) וישב לז, ג. 51) ב"ר פפ"ד, ח (הובא בפרש"י עה"פ שם). 52) וישב לט, כ. 53) ראה מקץ מא, יד ובפרש"י. 54) שם מב, ט. 55) תנחומא וישב ט. שמו"ר פ"ז א. יל"ש וישב רמז קמו. "סדר עולם" פ"ב. זו"ח חוקת נ, ב. 56) לג, ב. 57) ראה מקץ מא, מב ובפרש"י.

וואס אויך זייענדיק אין מצרים איז ער געווען בבחינת מרכבה, וכמבואר אין תניא[58], אז דאס וואס מ'זאגט אז איינער איז בבחינת מרכבה, מיינט דאס, אז אלע זיינע מעשים וענינים זיינען שטענדיק בטל צום רוכב על המרכבה, צו דעם אויבערשטן, וואס מצד דעם, איז אויך זייענדיק אין מצרים איז ער געווען בבחי "בני", א בן פון יעקב;

די שבטים'ס עבודה איז געווען אין א נידעריקן אופן, וואס במילא האבן זיי געמוזט זיין רועי צאן, ההבודדוה פון "הכונה של עיר", אין דוקא דורך דעם זיינען זיי געווען "שבטי - י-ה"[59],

משא"כ יוסף, זיין אופן העבודה איז געווען אן אנדער און א העכערער אופן העבודה, וואס אויך זייענדיק ב"המונה של עיר" זיינען אלע מעשים געווען בבחי' מרכבה להקב"ה.

און דאס איז געווען די מעלה פון יוסף לגבי די מעלה פון שאר השבטיים, וואס דערפאר זאגט מען אויך "אלה תולדות יעקב - יוסף" דוקא.

און דאס איז דער אויפטו פון דעם פסוק "רועה ישראל וגו'", וואס דא ווערן אלע אידן אנגערופן בשם "יוסף", דערפאר וואס זיי האבן מעלה יוסף (כמבואר לעיל) - אז אלע אידן, אויך שאר השבטים, האבן באקומען מעלה עבודה יוסף,

יז. דער ענין אז די שבטים האבן באקומען מעלה עבודה יוסף קען מען אויך אין דעם ענין ההשתחוויה פון די שבטים צו יוסף'ן, "והשתחוין לאלומתי":

דער פשט פון השתחוי' איז - אז מ'ווערט בטל צו דעם וועמען מ'איז משתחווה,

וכפשוט, אז ס'איז ניט דער פשט אז מ'בוקט זיך און דערנאך גייט מען אוועק, נאר מיטן בוקן זיך מיינט מען אז מ'וועט פאלגן אלץ וואס ער וועט איצטער הייסן טאן, ד.ה. אז מ'ווערט בטל צו אים,

וואס אזוי איז דאס בענין ההשתחוית השבטים ליוסף, אז מיט דעם זיינען זיי געווארן בטל צו יוסף און צו מעלת עבודת יוסף. אז זיי וועלן זיך פירן אין אן אופן ההנהגה ווי הנהגת יוסף - זייער עבודה ווערט אזוי ווי זיין עבודה.

- יח. -

---

58) פמ"ג (כח, ב). וראה לקו"ד ח"א קלה, ב. לקו"ש ח"ב ע' 888. 59) תהלים קכב, ד.

יח. כמבואר לעיל, האבן אידן איבערגענומען תכונות ומעלה יוסף (ע"י ביטולם אליו) - דורכדעם וואס "פירנסם וכלכלם בימי הרעב",

והביאור בזה:

וויבאלד אז דאס וואס ער האט זיי געגעבן איז ניט געווען סתם אן ענין, נאר ס'איז אן ענין וואס ווערט דערנאך דם ובשר כבשרם - וואס דאס וואס יוסף האט משפיע געווען ממעלה עבודתו איז געווארן דערנאך א טייל פון זיי,

וואס יעדערער וואס איז געווען אין מצרים (אין וועלכע ארט אין מצרים ער זאל נאר זיין) האט יוסף מפרנס ומכלכל געווען, יוסף האט זיי געגעבן דעם מזון בימי הרעב, וואס דעמולט איז מזון ניט קיין ענין פון תענוג, נאר - א זאך וואס מ'מוז האבן אויף חיות: ער האט זיי געגעבן זייער חיות, ועאכו"כ בשעת ער האט דאס געגעבן צו די שבטים, צו אידן - האבן זיי זיכער מיט דעם באקומען מעלתו של יוסף.

יט. וואס מיט דעם איז אויך פארשטאנדיק דער דיוק אין הסידור וואס מ'זאגט אז ענינם פון די שבטים איז בירור ראשון און דער ענין פון יוסף איז בירור שני, וואס מ'זאגט דא ניט אז די שבטים זיינען מברר איין זאך און יוסף איז מברר א צווייטע זאך. נאר - אז יוסף איז מברר דעם בירור שני אין די שבטים,

ובסגנון אחר - די שבטים זיינען מרכבתא התאה און יוסף איז מרכבתא עילאה[60] - און יוסף איז מעלה די שבטים אז אויך זיי זאלן זיין בבחינת מרכבתא עילאה: די שבטים זיינען בבחינה בי"ע און יוסף בבחינת אצילות - און יוסף איז מעלה די שבטים צו מעלתו מעלת האצילות.

וכאמור, אז דורך דעם וואס יוסף האט מפרנס ומכלכל געווען אידן ברעב האבן זיי באקומען מעלתו.

און דערפאר ווערן אלע אידן. בכל הדורות, אנגערופן בשם יוסף - ווארום זיי האבן די מעלה פון יוסף.

כ. כאמור לעיל, איז אין דעם פסוק "רועה ישראל גו'" מודגש, ניט נאר דער ענין אז אידן ווערן אנגערופן מיט דעם שם המעלה "יוסף" (דערפאר וואס זיי האבן די הכונוה פון יוסף), נאר אויך - אז (אידן ווערן אנגערופן מיט) דער שם "יוסף" (וואס) איז העכער ווי דער שם "ישראל", ווי עס



---

60) הו"א ויחי קג, א-ב (בכתבי האריז"ל).



הנחה הה' בלתי מוגה

שטייט אין פסוק - פריער "רועה ישראל", און דערנאך, נאך א גרעסערן ענין - "נוהג כצאן יוסף",

ד.ה. אז הגם אז שם "ישראל" איז א שם המעלה מיט וועלכן אידן ווערן אנגערופן (נאך העכער ווי דער שם יעקב), און דער נאמען איז געגעבן געווארן ע"ש "כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל", ובעבודת האדם איז דאס - אז ער ווערט ניט נתפעל פאר מענטשן, "אנשים", "לא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים"[61], און אויך ניט פאר דעם מלאך העומד לשמאלו, "אלקים", און אפילו ניט פאר מלאכים דקדושה, פאר דער מדידה והגבלה מיט וועלכע זיי זיינען פארבונדן - אעפ"כ איז דער שם "יוסף" מיט וועלכן אידן ווערן אנגערופן (מצד זייער מעלה, כנ"ל) נעלה מזה.

כא. והביאור בזה:

המבואר לעיל במעלת יוסף אויף די שבטים - איז ווי די ענינים רעדן זיך אין די דרושי חסידות וואס זיינען מבאר דעם חילוק צווישן יוסף מיט די שבטים; עד"ז זיינען דא אנדערע דרושים[62] וואס זיינען מבאר דעם חילוק צווישן יוסף מיט די אבות, וואס דער תוכן הענינים דארטן איז:

אויך יעקב, און די שאר האבות - אברהם און יצחק - זיינען געווען רועי צאן, ד.ה. בעבודה הרוחנית, אז אויך זייער עבודה איז געווען אין אן אופן פון התבודדות, אפ-געטראגנקייט פון וועלט,

וואס הגם אז סיי יוסף און סיי די אבות זיינען בחי' אצילות, ניט ווי דער חילוק (המבואר לעיל און אין די אנדערע דרושים) צווישן יוסף מיט די שבטים וואס די שבטים זיינען בחי' בי"ע און דוקא יוסף איז בחי' אצילות - אעפ"כ איז דוקא יוסף'ס עבודה געווען אזא וואס איז שייך צו וועלט, משביר בר וכו', אז דארטן גופא זאל זיין דער ביטול פון אצילות, משא"כ עבודת האבות איז געווען אין אן אופן פון רועי צאן, (אין אצילות -) אפגעטראגן פון וועלט.

און דאס איז וואס מ'זאגט "רועה ישראל האזינה נוהג כצאן יוסף יושב הכרובים הופיעה" - אז אידן האבן ניט נאר די מעלה פון "ישראל", וואס "ישראל" איז איינער פון די אבות, נאר אויך די העכערע מעלה פון יוסף, וואס משביר בר, און פרנס וכלכל בימי הרעב.

- כב. די -

---

61) רמ"א או"ח בתחלתו. שו"ע אדה"ז או"ח ס"א ס"ג. מהדו"ב שם ס"א. 62) תו"ח ויחי קא, ד ואילך. ד"ה ולא זכר שר המשקים תרפ"ח דלעיל הע' 39. ועוד.

כב. די הוראה מכל זה:

א איד דארף זיין א משביר בר!

ניט אז ער זאל זיך פארשפארן און לערנען תורה און זיין אפגעשלאסן פון וועלט, וואס בשעת ער איז אפגעשלאסן פון וועלט איז ער דאך דורך דעם אויך אפגעשלאסן פון אן אידן פון וועלט,

איי טענה'ט מען מיט אים: עס דארף דאך זיין אהבת ישראל! זאגט ער: ער איז אפגעשלאסן פון וועלט, און אהבה ישראל - אויף דעם וועט ער שיקן א שליח, ער וועט געבן געלט, ער וועט זאגן א קאפיטל תהלים פאר יענעם, אדער ער וועט אפילו געבן יענעם א חלק אין דער תורה וואס ער וועט לערנען, ווארום פאר-דעם וואס מ'לערנט קען מען אפרעדן אז מ'וועט זיך פאנאנדערטיילן אין דעם שכר פון דעם לימוד ההורה, כמבואר בהלכות ת"ת[63]; ע"ד ווי ישכר און זבולון האבן געטאן - עד"ז וועט ער אויך טאן!

און אזוי געפינט ער אלע מיני תירוצים אז ער זאל ניט ארויסגיין טאן מיט א צווייטן אידן.

זאגט מען אים: רוק אפ דעם נפש הבהמית אן א זייט! און רוק אפ אויך דער נפש הבהמית וואס איז אנגעטאן אין א זיידענעם סירטוק (כידוע[64] אז אמאל טוט זיך אן די נפש הבהמית אין א זיידענעם סירטוק),

משה רבינו האט ניט געשיקט קיין שלוחים! ער אליין איז געגאנגען "וירא בסבלותם"[65]!

לכאורה, אויב משה האט געוואלט וויסן וואס עס טוט זיך מיט אידן - האט ער דאך געקענט שיקן א שליח; זיכער וואלט ער געקענט געפינען איינעם וואס וועט זיך ארומקוקן און מאכן א חשבון וכו' וואס עס טוט זיך מיט אידן און אים זאגן, ובפרט אז ער האט זיך דאך געפונען אין היכל פרעה און איז דארטן געווען א גרויסער מיוחס - און אעפ"כ איז ער דוקא אליין געגאנגען "וירא בסבלותם"! ווארום איננה דומה ראי' לשמיעה[66].

און משה האט צוליב דעם "וירא בסבלותם" זיך ארייג-געשטעלט אין סכנה, און ער האט זיך מוסר-נפש געווען: צוליב דעם וואס ער האט דאס געטאן האט ער געמוזט אנטלויפן דערפאר

- וואס -

---

63) יו"ד סרמ"ו ס"א ברמ"א. וראה בהבא להלן - הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ס"ד. וש"נ. 64) ראה לקו"ש ח"ב ע' 620. 65) שמות ב, יא. 66) ראה מכילתא יתרו יט, יט.

וואס פרעה האט געוואלט צונעמען זיין חיות[67],

וואס אזוי דארף אויך זיין די הנהגה פון יעדן אידן, אז ער דארף זיך ניט פארשפארן בא זיך, נאר ער דארף זיין א משביר בר פאר אלע וואס ארום אים, און זיך מוסר-נפש זיין אויף דעם, און ניט נאר זיין א משביר בר אין סתם אן ארט - נאר בדוגמת ווי יוסף וואס ער איז געווען א משביר בר אין מצרים "ערות הארץ",

דעמולט פאר מ"ה האט יוסף דאס געטאן באופן אז אויך די מצריים זאלן זיין מולין[68] - און עד"ז ובמכ"ש דארף זיין לאחרי מ"ת בנוגע צו אידן,

און עס דארף זיין ע"ד ווי יוסף האט געטאן, וואס ער האט געגעבן יעדערן מדרגתו, און צו יעדערן לפי ענינו,

כולל אויך - "לחם לפי הטף"[69], אז ער האט געגעבן אויך פארן "טף" וויפל זיי דארפן האבן, אריינרעכענענדיק אויך דאס וואס זיי צוברעקלען (ווי מפרשים[70] טייטשן)!

און יעדער איד האט דעם כח אויף אט-דער עבודה - ווארום, כמבואר לעיל, דורך דעם וואס יוסף "פרנסס וכלכלם בימי הרעב", ווערן אלע אידן אנגערופן בשם "יוסף" - דערפאר וואס ער האט זיי דעמולט איבערגעגעבן דעם כח אויף טאן עבודתו שלו.

כג. דא האט מען אויך דעם ענטפער אויף דעם וואס אנדערע פרעגן: וואס איז דער שטורעם און טומל, און מאנונג און ציווי אהד ציווי, אין דעם ענין פון הפצת המעינות, ובפרט אין דעם ענין פון די מבצעים - וואס אפילו אין רוסלאנד איז דאס ניט געווען עד כדי כך?!

וואס הגם אז דער וואס טענה'ט אזוי ווייס אז איצטער זיינען די מעגלעכקייטן אנדערע, ובמילא דארף מען אויסניצן אט-די מעגלעכקייטן "כדבעי לי' למיעבד", און טאמער ניט איז דא דער עונש החמור, ווי עס שטייט אין מס' כהובות[71] - אבער ס'איז נאך אלץ ניט פארשטאנדיק: וואס איז דער שטורעם און היילעניש, דער "מיד", בזה?!

איז דער ביאור אין דעם:

בשעת עס קומען "ימי הרעב" מאנט זיך נאכמער די עבודה פון משביר בר,

- וע"ד -

---

67) שמות שם, טז. 68) ב"ר פצ"א, ה (הובא בפרש"י עה"פ מקץ מא, נה). 69) ויגש מז, יב. 70) רא"ם ושפ"ח עה"פ. 71) סו, סע"ב ואילך.

וע"ד ווי ס'איז געווען בא יוסף, אז פאר-דעם וואס עס איז אנגעקומען די ימי הרעב האט ער זיך פארנעמען ביט דער פרנסה וכלכלה, און אויך דעמולט איז "בלעדיך לא ירים איש את ידו ואת רגלו" - אעפ"כ איז דאס נאר געווען א הכנה, און ס'איז געווען שלא בדומה צו ווי ער זיי מפרנס און מכלכל געווען בימי הרעב,

און נאכמער - ווי ער האט מפרנס געווען בשעה עס איז דורכגעגאנגען דער ערשטער שנת הרעב און ס'איז געקומען די צווייטע שנת הרעב,

וואס עד"ז איז פארשטאנדיק אויך בזמננו זה.

כד. וכאמור לעיל, מ'מאנט פון יעדן אידן אז ער זאל טאן אין עבודת יוסף, וואס עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו יוסף שבדורו, אז וויבאלד ער האט אלעמען מפרנס געווען - האבן זיי אלע באקומען דעם כח, און מ'מאנט פון אלעמען, צו טאן עבודתו.

וואס ער האט זיי מפרנס געווען סיי ברוחניות און אויך בגשמיות, און ניט ווי די וואס מאכן א טעוה און טראכטן אז ער האט זיי מפרנס געווען נאר ברוחניות, אבער בנוגע צו גשמיות - זיינען זיי "סאם סאפאזשניק", ס'איז "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה"[72] -

נאר ער איז מפרנס סיי רוחניות און סיי גשמיות, און די וואס מיינען אנדערש - איז דאס דערפאר וואס זיי פעלט אין דעם "עודנו ביהדותו"[73], וואס אויב דער "יהדותו" וואלט געווען כדבעי - וואלט ער געוואוסט אז דאס איז ניט כחו ועוצם ידו נאר - פון דעם "יוסף" שבדור, וואס "הנשיא הוא הכל" (בלשון רש"י פון פרשתנו[74]), רוחניות און גשמיות.

וואס וויבאלד אז ער האט זיי מפרנס געווען בימי הרעב - מאנט זיך פון זיי אלע אז זיי זאלן טאן אין זיין עבודה, אין דער עבודה פון משביר בר.

כה. עס זיינען דא אזעלכע וואס האבן געטאן אין די ענינים ביתר שאת וביתר עוז, וואס אויך זיי קענען אין דעם מוסיף זיין, ווארום וויבאלד אז דאס זיינען ענינים פון טוב זיינען זיי דאך פארבונדן מיטן אויבערשטן וואס ער איז אין-סוף - קען מען אין דעם שטענדיק מוסיף זיין.

און די וואס האבן ביז איצטער ניט געטאן אין דעם -

- דארפן -

---

72) עקב ח, יז. 73) תניא פי"ד (יט, ב). 74) כא, כא.

דארפן זיכער מחלים זיין און טאן אין עבודת יוסף מכאן ולהבא.

און הגם אז דאס וואס יוסף האט מפרנס געווען איז געווען מיט כו"כ זמן לפנ"ז - אעפ"כ דארף מען זיך אזוי פירן אין תשמ"א!

און מ'זאל אויסניצן די ימים זכאין, וואס מ'געפינט זיך איצטער פאר ג' תמוז, און - אנהויבנדיק פון ר"ח תמוז, אויף טאן אין דעם משביר בר, ביז אויך צו טף,

ובפרט אז דער יאר איז א שנת "הקהל את העם האנשים והנשים והטף".

כו. און דאס וועט ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, און נים ווי ס'איז געווען דעמולט, בגאולת י"ב-י"ג תמוז, אין אן אופן פון "קימעא קימעא" - נאר אין אופן פון "מיד",

והגם אז אין ירושלמי שטייט אז "גאולתן של ישראל בתחלה קימעא קימעא" - פסק'נט דאך אבער דער דמב"ם[75] - וואס אויך ער האט זיכער געוואוסט פון דעם ירושלמי[76] - אז ס'איז דא א הבטחה פון תורה, ובמילא - איז נים שייך ס'זאל זיין אנדערש, אז די גאולה וועט זיין אין אן אופן פון "מיד",

ווי ער שרייבט דארטן אז "הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה בסוף גלותן ומיד הן נגאלין",

וואס אין דעם "מיד" זעט מען אז "עדיין לא נושענו"[77] - איז דורך מעשינו ועבודתינו, דורך מערנים ווי מחשבה אחת, דיבור אחד אדער מעשה אחד, איז מען מכריע "את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגורם לו ולהם תשועה והצלה", ווי דער רמב"ם[78] שרייבט,

אז עס וועט זיין די גאולה פרטית ביי אים, און די גאולה כללית אין "כל העולם כולו",

ובפשטות - אין אן אופן פון "נאו"!

* * *

כז. נאך אן ענין מיוחד וואס קומט-צו בשנה זו, נוסף צו דעם וואס דאס איז שנת הקהל: בשנה זו איז דער שבת וואס צווישן ר"ח תמוז און ג' תמוז, וואס "מיני' מתברכין כולהו

- יומין" -

---

75) הל' תשובה פ"ז ה"ה. וראה סנהדרין צז, ב. אגה"ת פי"א (ק, א). 76) ראה גם לקו"ש ח"ה ע' 149 הע' 51. ועוד. 77) ע"פ ל' הכתוב - ירמי' ח, כ. 78) שם פ"ג ה"ד.